בס"ד

גליון 31

# דעם רבינ'ס מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמוניות
## מרבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# המעשה עם הבחינות
## בלשה"ק ובאידיש

# מַעֲשֶׂה י"ג

## מ"שִׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס" - "דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס" (2)

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

וְהִתְחִילוּ לִזְכֹּר הַחֲסָדִים שֶׁעָשָׂה עִמָּהֶם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּהְיוֹתָם בַּיַּעַר. וְהָיוּ בּוֹכִים וְהָיוּ מִתְגַּעְגְּעִים מְאֹד: אֵיךְ לוֹקְחִין לְכָאן אֶת הַבֶּעטְלֶיר הָרִאשׁוֹן הָעִוֵּר, שֶׁהֵבִיא לָנוּ לֶחֶם בַּיַּעַר?

וְתֵכֶף וּמִיָּד בְּתוֹךְ שֶׁהָיוּ מִתְגַּעְגְּעִים מְאֹד אַחֲרֵי הַבֶּעטְלֶיר הָעִוֵּר, עָנָה וְאָמַר: הִנְנִי! הִנֵּה בָּאתִי אֶצְלְכֶם עַל הַחֲתֻנָּה. וַאֲנִי נוֹתֵן לָכֶם מַתָּנָה לִדְרָשָׁה (שֶׁקּוֹרִין דְּרָשָׁה גִּישַׁאנְק), שֶׁתִּהְיוּ זְקֵנִים כָּמוֹנִי!

כִּי בִּתְחִלָּה בֵּרַכְתִּי אֶתְכֶם בָּזֶה, וְעַכְשָׁיו אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם זֹאת בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה לִדְרָשָׁה: שֶׁתִּחְיוּ חַיִּים אֲרֻכִּים כָּמוֹנִי. וְאַתֶּם סְבוּרִים שֶׁאֲנִי עִוֵּר? אֵין אֲנִי עִוֵּר כְּלָל. רַק שֶׁכָּל זְמַן הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, אֵינוֹ עוֹלֶה אֶצְלִי כְּהֶרֶף עַיִן. (וְעַל כֵּן הוּא נִדְמֶה כְּעִוֵּר, כִּי אֵין לוֹ שׁוּם הִסְתַּכְּלוּת כְּלָל עַל הָעוֹלָם, מֵאַחַר שֶׁכָּל זְמַן הָעוֹלָם אֵינוֹ עוֹלֶה אֶצְלוֹ כְּהֶרֶף עַיִן. וְעַל כֵּן אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ הִסְתַּכְּלוּת וּרְאִיָּה בְּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל) וַאֲנִי זָקֵן מְאֹד, וַעֲדַיִן אֲנִי יַנִּיק לְגַמְרֵי, (הַיְנוּ יוּנְג) וְלֹא הִתְחַלְתִּי עֲדַיִן לִחְיוֹת כְּלָל. וְאַף עַל פִּי כֵן אֲנִי זָקֵן מְאֹד. וְלֹא אֲנִי בְּעַצְמִי אוֹמֵר זֹאת, רַק שֶׁיֵּשׁ לִי הַסְכָּמָה עַל זֶה מֵהַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל. וַאֲסַפֵּר לָכֶם מַעֲשֶׂה: (כָּל זֶה הוּא דִּבְרֵי הָעִוֵּר הַנַּ"ל).

כִּי פַּעַם אַחַת הָלְכוּ אֲנָשִׁים בִּסְפִינוֹת הַרְבֵּה עַל הַיָּם. וּבָא רוּחַ סְעָרָה וְשִׁבֵּר אֶת הַסְּפִינוֹת, וְהָאֲנָשִׁים נִצְּלוּ. וּבָאוּ אֶל מִגְדָּל אֶחָד. וְעָלוּ אֶל הַמִּגְדָּל, וּמָצְאוּ שָׁם כָּל הַמַּאֲכָלִים וּמַשְׁקָאוֹת וּמַלְבּוּשִׁים, וְכָל מַה שֶּׁצְּרִיכִים. וְהָיָה שָׁם כָּל טוּב וְכָל הַתַּעֲנוּגִים שֶׁבָּעוֹלָם.

עָנוּ וְאָמְרוּ, שֶׁכָּל אֶחָד יְסַפֵּר מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה מַה שֶּׁהוּא זוֹכֵר מִזִּכָּרוֹן הָרִאשׁוֹן. הַיְנוּ מַה שֶּׁהוּא זוֹכֵר מֵעֵת שֶׁהִתְחִיל אֶצְלוֹ הַזִּכָּרוֹן. וְהָיוּ שָׁם זְקֵנִים וּנְעָרִים. וְהָיוּ מְכַבְּדִים אֶת הַזָּקֵן הַגָּדוֹל שֶׁבֵּינֵיהֶם שֶׁיְּסַפֵּר בִּתְחִלָּה. עָנָה וְאָמַר: מָה אֲסַפֵּר לָכֶם, "אֲנִי זוֹכֵר גַּם כְּשֶׁחָתְכוּ אֶת הַתַּפּוּחַ מִן הֶעָנָף". וְלֹא יָדַע שׁוּם אֶחָד מַה הוּא אוֹמֵר. אַךְ הָיוּ שָׁם חֲכָמִים, וְאָמְרוּ. בְּוַדַּאי זֹאת הִיא מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה מְאֹד, וְכִבְּדוּ אֶת הַשֵּׁנִי שֶׁיְּסַפֵּר.

עָנָה הַשֵּׁנִי שֶׁלֹּא הָיָה זָקֵן כְּמוֹ הָרִאשׁוֹן: זֹאת הִיא מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה?! (בִּלְשׁוֹן תְּמִהָּ) זֹאת הַמַּעֲשֶׂה אֲנִי זוֹכֵר גַּם־כֵּן, אֲבָל אֲנִי זוֹכֵר גַּם־כֵּן "כְּשֶׁהָיָה הַנֵּר דּוֹלֵק".

עָנוּ וְאָמְרוּ שָׁם: זֹאת הִיא מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה בְּיוֹתֵר מֵהָרִאשׁוֹנָה. וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלָם שֶׁזֶּה הַשֵּׁנִי, שֶׁהוּא יַנִּיק מֵהָרִאשׁוֹן, וְזוֹכֵר מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה יוֹתֵר מֵהָרִאשׁוֹן. וְכִבְּדוּ אֶת הַשְּׁלִישִׁי שֶׁיְּסַפֵּר.

עָנָה וְאָמַר הַשְּׁלִישִׁי, שֶׁהָיָה יַנִּיק יוֹתֵר: אֲנִי זוֹכֵר גַּם כְּשֶׁהִתְחִיל בִּנְיַן הַפְּרִי, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁהִתְחִיל לְהִתְרַקֵּם הַפְּרִי עָנוּ וְאָמְרוּ: זֹאת הִיא מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה בְּיוֹתֵר.

עָנָה הָרְבִיעִי, שֶׁהָיָה יַנִּיק עוֹד יוֹתֵר: אֲנִי זוֹכֵר גַּם "כְּשֶׁהוֹלִיכוּ הַגַּרְעִין לִנְטֹעַ הַפְּרִי".

עָנָה הַחֲמִישִׁי, שֶׁהָיָה יַנִּיק עוֹד יוֹתֵר: אֲנִי זוֹכֵר גַּם "הַחֲכָמִים, שֶׁהֵם הָיוּ חוֹשְׁבִים וּמַמְצִיאִים אֶת הַגַּרְעִין".

עָנָה הַשִּׁשִּׁי וְכוּ', שֶׁהוּא זוֹכֵר גַּם "אֶת הַטַּעַם שֶׁל הַפְּרִי קֹדֶם שֶׁנִּכְנַס הַטַּעַם בְּתוֹךְ הַפְּרִי."

עָנָה הַשְּׁבִיעִי וְכוּ', וְאָמַר "שֶׁהוּא זוֹכֵר גַּם אֶת הָרֵיחַ שֶׁל הַפְּרִי קֹדֶם שֶׁנִּכְנַס בַּפְּרִי".

עָנָה הַשְּׁמִינִי וְאָמַר, שֶׁהוּא זוֹכֵר גַּם "הַמַּרְאֶה שֶׁל הַפְּרִי קֹדֶם שֶׁנִּמְשְׁכָה עַל הַפְּרִי". וַאֲנִי (הַיְנוּ זֶה הַבֶּעטְלֶיר הָעִוֵּר שֶׁמְּסַפֵּר כָּל זֶה) הָיִיתִי אָז תִּינוֹק לְגַמְרֵי, וְהָיִיתִי גַּם־כֵּן שָׁם. וְעָנִיתִי וְאָמַרְתִּי לָהֶם: אֲנִי זוֹכֵר כָּל אֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת, וַאֲנִי זוֹכֵר "לָאו כְּלוּם"! (אוּן אִיךְ גֶּידֶענְק גָאר נִישְׁט)

עָנוּ וְאָמְרוּ: זֹאת הִיא מַעֲשֶׂה יְשָׁנָה מְאֹד, יוֹתֵר מִכֻּלָּם! וְהָיָה חִדּוּשׁ גָּדוֹל אֶצְלָם שֶׁהַתִּינוֹק זוֹכֵר יוֹתֵר מִכֻּלָּם.

בְּתוֹךְ כָּךְ בָּא נֶשֶׁר גָּדוֹל וְדָפַק עַל הַמִּגְדָּל, וְאָמַר לָהֶם: חִדְלוּ עוֹד מִלִּהְיוֹת עֲנִיִּים! שׁוּבוּ אֶל הָאוֹצָרוֹת שֶׁלָּכֶם, וְהָיוּ מִשְׁתַּמְּשִׁים בָּאוֹצָרוֹת שֶׁלָּכֶם.

וְאָמַר לָהֶם שֶׁיֵּצְאוּ מִן הַמִּגְדָּל כְּדֶרֶךְ זִקְנוּתָם, שֶׁכָּל מִי שֶׁזָּקֵן יוֹתֵר, יֵצֵא תְּחִלָּה. וְהוֹצִיא כֻּלָּם מִן הַמִּגְדָּל. וְהוֹצִיא תְּחִלָּה אֶת הַתִּינוֹק הַנַּ"ל, כִּי בֶּאֱמֶת הוּא זָקֵן יוֹתֵר מִכֻּלָּם. וְכֵן כָּל מִי שֶׁהָיָה יַנִּיק יוֹתֵר, הוֹצִיא קֹדֶם. וְהַזָּקֵן הַגָּדוֹל הוֹצִיא בָּאַחֲרוֹנָה. כִּי כָּל מִי שֶׁהָיָה יַנִּיק יוֹתֵר, הָיָה זָקֵן יוֹתֵר כַּנַּ"ל. וְהַזָּקֵן שֶׁבָּהֶם הָיָה יַנִּיק יוֹתֵר מִכֻּלָּם.

וְאָמַר לָהֶם: (הַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל הַנַּ"ל) אֲנִי אֲפָרֵשׁ לָכֶם אֶת הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפְּרוּ כָּל הַנַּ"ל. כִּי זֶה שֶׁסִּפֵּר שֶׁהוּא זוֹכֵר גַּם כְּשֶׁחָתְכוּ אֶת הַתַּפּוּחַ מִן הָעָנָף, הַיְנוּ שֶׁהוּא זוֹכֵר גַּם כְּשֶׁחָתְכוּ אֶת טַבּוּרוֹ. (הַיְנוּ שֶׁגַּם אֶת הַמַּעֲשֶׂה הַזֹּאת שֶׁנַּעֲשָׂה עִמּוֹ תֵּכֶף בְּעֵת הַהוֹלָדָה, בְּעֵת שֶׁחָתְכוּ אֶת טַבּוּרוֹ, גַּם אֶת זֶה הוּא זוֹכֵר).

וְהַשֵּׁנִי שֶׁאָמַר שֶׁזּוֹכֵר בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה הַנֵּר דּוֹלֵק, הַיְנוּ שֶׁהוּא זוֹכֵר גַּם כְּשֶׁהָיָה בְּעִבּוּר, שֶׁהָיָה נֵר דּוֹלֵק עַל רֹאשׁוֹ.

וְזֶה שֶׁאָמַר שֶׁזּוֹכֵר גַּם בְּעֵת שֶׁהִתְחִיל רִקּוּם הַפְּרִי, הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֵר גַּם כְּשֶׁהִתְחִיל לְהִתְרַקֵּם הַגּוּף, דְּהַיְנוּ בְּעֵת יְצִירַת הַוָּלָד.

וְזֶה שֶׁזּוֹכֵר בְּעֵת שֶׁהָיוּ מוֹלִיכִים הַגַּרְעִין לִנְטֹעַ הַפְּרִי, הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֵר גַּם כְּשֶׁנִּמְשְׁכָה הַטִּפָּה בְּעֵת הַזִּוּוּג.

וְזֶה שֶׁזּוֹכֵר אֶת הַחֲכָמִים שֶׁהָיוּ מַמְצִיאִים אֶת הַגַּרְעִין, הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֵר גַּם כְּשֶׁהָיְתָה הַטִּפָּה עֲדַיִן בַּמֹּחַ. (כִּי הַמֹּחִין מַמְצִיאִים אֶת הַטִּפָּה).

וְזֶה שֶׁזּוֹכֵר אֶת הַטַּעַם, הַיְנוּ הַנֶּפֶשׁ. וְהָרֵיחַ, הַיְנוּ הָרוּחַ. וְהַמַּרְאֶה, הַיְנוּ הַנְּשָׁמָה. וְהַתִּינוֹק אָמַר שֶׁזּוֹכֵר לָאו כְּלוּם, כִּי הוּא לְמַעְלָה מִן הַכֹּל, וְזוֹכֵר אֲפִלּוּ מַה שֶּׁהוּא קֹדֶם מִנֶּפֶשׁ רוּחַ נְשָׁמָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת "אַיִן".

וְאָמַר לָהֶם: חִזְרוּ אֶל הַסְּפִינוֹת שֶׁלָּכֶם, שֶׁהֵם הַגּוּפִים שֶׁלָּכֶם שֶׁנִּשְׁבְּרוּ, שֶׁיַּחַזְרוּ וְיִבָּנוּ. עַתָּה חִזְרוּ אֲלֵיהֶם, וּבֵרֵךְ אוֹתָם.

וְלִי (הַיְנוּ זֶה הַבֶּעטְלֶיר הָעִוֵּר שֶׁהָיָה תִּינוֹק אָז, שֶׁהוּא מְסַפֵּר כָּל זֶה) אָמַר הַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל הַנַּ"ל: אַתָּה בּוֹא עִמִּי, כִּי אַתָּה כְּמוֹתִי. כִּי אַתָּה "זָקֵן מְאֹד וַעֲדַיִן אַתָּה יַנִּיק מְאֹד" וַעֲדַיִן לֹא הִתְחַלְתָּ לִחְיוֹת כְּלָל. וְאַף עַל פִּי כֵן אַתָּה זָקֵן מְאֹד. וְגַם אֲנִי כָּךְ, כִּי אֲנִי זָקֵן וַעֲדַיִן אֲנִי יַנִּיק וְכוּ'.

נִמְצָא, שֶׁיֵּשׁ לִי הַסְכָּמָה מֵאוֹתוֹ הַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל. (שֶׁאֲנִי חַי חַיִּים אֲרֻכִּים כַּנַּ"ל)

וְעַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם חַיִּים אֲרֻכִּים שֶׁלִּי, בְּמַתָּנָה לִדְרָשָׁה. וְנַעֲשָׂה שָׁם שִׂמְחָה וְחֶדְוָה גְּדוֹלָה וַעֲצוּמָה מְאֹד מְאֹד.

בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי שֶׁל שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה, חָזְרוּ וְזָכְרוּ הַזּוּג הַזֶּה אֶת הַבֶּעטְלֶיר הַשֵּׁנִי. הַיְנוּ הַחֵרֵשׁ שֶׁהֶחֱיָה אוֹתָם וְנָתַן לָהֶם לֶחֶם. וְהָיוּ בּוֹכִים וּמִתְגַּעְגְּעִים: אֵיךְ לוֹקְחִין לְכָאן אֶת אוֹתוֹ הַבֶּעטְלֶיר הַחֵרֵשׁ שֶׁהֶחֱיָה אוֹתָנוּ, כַּנַּ"ל? בְּתוֹךְ שֶׁהָיוּ מִתְגַּעְגְּעִים אַחֲרָיו, וְהִנֵּה הוּא בָּא, וְאָמַר הִנְנִי! וְנָפַל עֲלֵיהֶם, וְנָשַׁק אוֹתָם, וְאָמַר לָהֶם: עַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם בְּמַתָּנָה שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי, שֶׁתִּחְיוּ חַיִּים טוֹבִים כָּמוֹנִי. כִּי בִּתְחִלָּה בֵּרַכְתִּי אֶתְכֶם בָּזֶה, וְעַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם חַיִּים טוֹבִים שֶׁלִּי, בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה לִדְרָשָׁה.

וְאַתֶּם סוֹבְרִים שֶׁאֲנִי חֵרֵשׁ? אֵין אֲנִי חֵרֵשׁ כְּלָל! רַק שֶׁכָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אֵינוֹ עוֹלֶה אֶצְלִי לִכְלוּם, שֶׁאֶשְׁמַע הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּהֶם. כִּי כָּל הַקּוֹלוֹת, כֻּלָּם הֵם מִן חֶסְרוֹנוֹת. כִּי כָּל אֶחָד וְאֶחָד צוֹעֵק עַל חֶסְרוֹנוֹ.

וַאֲפִלּוּ כָּל הַשְּׂמָחוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, כֻּלָּם הֵם רַק מֵחֲמַת הַחִסָּרוֹן, שֶׁשָּׂמֵחַ עַל הַחִסָּרוֹן שֶׁחָסֵר לוֹ וְנִתְמַלֵּא. וְאֶצְלִי, כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אֵינוֹ עוֹלֶה לִכְלוּם, שֶׁיִּכָּנְסוּ בְּאָזְנַי הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּהֶם. כִּי אֲנִי חַי חַיִּים טוֹבִים שֶׁאֵין בָּהֶם שׁוּם חִסָּרוֹן.

וְיֵשׁ לִי הַסְכָּמָה עַל זֶה שֶׁאֲנִי חַי חַיִּים טוֹבִים, מִן הַמְּדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת. וְחַיִּים טוֹבִים שֶׁלּוֹ הוּא, שֶׁהָיָה אוֹכֵל לֶחֶם וְשׁוֹתֶה מַיִם. (וְסִפֵּר לָהֶם):

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ____________________

עיר ______________________

## מבחן בספורי מעשיות

### מעשה י"ג (2) - מהשבעה בעטלירס

**א. איזה מתנה נתן הבעטלער העִוֵר לחתן כלה?**
- ❑ בית מפואר
- ❑ שתחיו חיים ארוכים כמוני
- ❑ עשירות גדול

**ב. למה היה הבעטלער נראה עִוֵר?**
- ❑ כי היה באמת עִוֵר
- ❑ כי כבדו עיניו מזוקן
- ❑ כי אין לו שום הסתכלות כלל על העולם

**ג. מה היה הבעטלער העִוֵר זקן או יניק?**
- ❑ זקן מאוד
- ❑ יניק לגמרי, ולא התחיל עדיין לחיות
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ד. מה סיפר הזקן הגדול במגדל על הזכרון שזוכר?**
- ❑ כשחתכו את התפוח מן הענף
- ❑ כשהיה הנר דולק
- ❑ כשהתחיל בנין הפרי

**ה. מה סיפר הזקן הרביעי על הזכרון שזוכר?**
- ❑ כשהוליכו הגרעין לנטוע הפרי
- ❑ חכמים שהיו חושבים וממציאים את הגרעין
- ❑ הטעם של הפרי קודם שנכנס בתוך הפרי

***ו. שאלת זכות: איזה זכרון ישן זכר הזקן השמיני?***
- ❑ *הריח של הפרי קודם שנכנס בפרי*
- ❑ *המראה של הפרי קודם שנמשכה על הפרי*
- ❑ *שתי התשובות נכונות*

**ז. מה אמר הבעטלער העִוֵר שזוכר זכרון ראשון?**
- ❑ את כל אלו המעשיות הנ"ל
- ❑ לאו כלום
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ח. מה אמר הנשר כשדפק על המגדל?**
- ❑ חדלו עוד מלהיות עשירים
- ❑ חדלו עוד מלהיות עניים
- ❑ חדלו עוד מלהיות עֲנָוִים

**ט. את מי הוציא הנשר תחילה מהמגדל?**
- ❑ תחילה הוציא את הזקן מכולם
- ❑ תחילה הוציא את התינוק
- ❑ הוציאם לפי סדר הא"ב

**י. איך פירש הנשר הגדול את הזכרון של הזקן השישי שזוכר הטעם של הפרי קודם שנכנס בפרי?**
- ❑ הנפש
- ❑ הרוח
- ❑ הנשמה

**יא. איך פירש הנשר הגדול את הזכרון של הזקן השביעי שזוכר הריח של הפרי קודם שנכנס בפרי?**
- ❑ הנפש
- ❑ הרוח
- ❑ הנשמה

**יב. איך פירש הנשר הגדול את הזכרון של הזקן השמיני שזוכר המראה של הפרי קודם שנמשכה על הפרי?**
- ❑ הנפש
- ❑ הרוח
- ❑ הנשמה

**יג. לאן אמר הנשר שיחזרו?**
- ❑ אל הספינות שלהכם
- ❑ אל הגופים שלכם
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יד. מה היה הנשר זקן או יניק?**
- ❑ זקן
- ❑ יניק
- ❑ שתי התשובות נכונות

**טו. על מה נעשה בחתונה כשנתן הבעטלער הראשון את המתנה?**
- ❑ שמחה גדולה
- ❑ שמחה וחדוה גדולה
- ❑ שמחה וחדוה גדולה ועצומה מאוד מאוד

***טז. שאלת זכות: באיזה יום סיפר רבינו את המעשה של הבעטלער העִוֵר?*** *(עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)*
- ❑ *ביום שני כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תקס"ט*

**ונזכה כל שמחה וחדוה גדולה ועצומה מאוד מאוד - בהצלחה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **"מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת"** – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַאְרעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע"ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א, אוּן פוּנֶעם צְוֵייטְן דְרוּק שְׁנַת תר"י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז"ל / דִי אַייְנְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## [פֶּרֶק ג] עֶרְשְׁטְן טָאג – דֶער 'בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער'

**[אוֹת א] הָאבְּן זִיךְ 'חָתָן־כַּלָּה' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען: "דִי חֲסָדִים וָואס הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ הָאט מִיט זֵיי גֶעטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין וַואלְד"!**

**אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט: "וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם 'עֶרְשְׁטְן־בֶּעטְלֶער', דֶעם 'בְּלִינְדְן', וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעבְּרַאכְט 'בְּרוֹיט' אִין 'וַואלְד'"?!**

**וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דֶעם 'בְּלִינְדְן־בֶּעטְלֶער' – דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה"! – אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק': "אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי 'אַלְט' וִוי אִיךְ"!**

**וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גֶעוואוּנְטְשְׁן: "אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי 'אַלְט' וִוי אִיךְ"! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע, בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק': "אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי 'אַלְט' וִוי אִיךְ"!**

**אִיר מֵיינְט: אַז אִיךְ בִּין אַ 'בְּלִינְדֶער'! – אִיךְ בִּין 'גָארְנִישְׁט־בְּלִינְד'! – נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִישְׁט אָן כְּהֶרֶף־עַיִן!** (דְהַיְינוּ: וִוי אַ 'אוֹיגְנְבְּלִיק')!

(אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי 'בְּלִינְד'! – וָוארְן עֶר טוּט גָאר קַיין שׁוּם 'קוּק' אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט אַרַיין! וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִים גָארְנִישְׁט אָן, אֲפִילוּ וִוי 'אֵייךְ־אוֹיגְנְבְּלִיק'! – אִיבֶּערְדֶעם גֶעשִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִים גָארְנִישְׁט קַיין זֶעהְן אוּן קַיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט!).

**וָוארְן אִיךְ בִּין 'זֵייעֶר־אַלְט'! – אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ 'גָאר־יוּנְג', אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ 'לֶעבְּן'! – אוּן בִּין פָּארְט 'זֵייעֶר־אַלְט'! – אוּן נִישְׁט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ 'הַסְכָּמָה' דֶערוֹיף: פוּן דֶעם 'גְרוֹיסְן־אָדְלֶער'! – [אוּן] אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה"!**

(דָאס [אַלֶעס בִּיז אַהֶער] רֶעדְט אַלְץ דֶער 'בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער')!

**[אוֹת ב] אַמָאל זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַסַאךְ שִׁיפְן, אוֹיף דֶעם יַם! – אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'רוּחַ־סְעָרָה'** (דְהַיְינוּ: אַ 'שְׁטוּרֶעם־וִוינְט')**! אוּן הָאט צוּבְּרָאכְן דִי שִׁיפְן! – אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִיצוֹל גֶעוָוארְן!**

**זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'טוּרֶעם'! – זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אוֹיף דֶעם 'טוּרֶעם'! אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעפוּנֶען: אַלֶע עֶרְלֵיי 'מַאֲכָלִים'! אוּן 'מַשְׁקָאוֹת'! אוּן 'מַלְבּוּשִׁים'! אוּן וָואס מְ'בַּאדַארְף! – אוּן סְ'אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען 'כָּל־טוּב'! אוּן אַלֶע 'תַּעֲנוּגִים' וָואס אִין דֶער וֶועלְט!**

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַז אִיטְלֶעכֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אַ 'אַלְטֶע־מַעֲשֶׂה', וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן 'זִכָּרוֹן'! – דְהַיְינוּ: וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט, זִינְט סְ'הָאט זִיךְ בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'זִכָּרוֹן'"!**

**אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען 'אַלְטֶע' אוּן 'יוּנְגֶע'! – הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'גְרֶעסְטְן־זָקֵן' וָואס סְ'גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי: אַז עֶר זָאל צוּם עֶרְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן!**

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן** (דְהַיְינוּ: דֶער 'עֶלְטְסְטֶער־זָקֵן')**: "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן?! – אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ, אַז מְ'הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס 'עֶפֶּעלֶע' פוּן דֶער 'צְוַוייג'"!**

**הָאט קֵיינֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט! – לוּשְׁמִיר** [נָאר] **סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען חֲכָמִים, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אָוַוא** [אָהָא]**, דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה"!**

**הָאט מֶען דֶערְנָאךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'אַנְדֶערְן־זָקֵן', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְגֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן: אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן!**

**הָאט** [עֶר] **זִיךְ דֶער 'אַנְדֶערֶער' אָנְגֶערוּפְן: "אָט דָאס אִיז אַ 'אַלְטֶע־מַעֲשֶׂה'?** (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ)**! – אִיךְ גֶעדֶענְק** [אוֹיךְ] **דִי** [דָאזִיגֶע] **מַעֲשֶׂה! – אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ** [אוֹיךְ] **אֲפִילוּ: אַז** [וֶוען] **דָאס 'לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט'"!**

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אָנְגֶערוּפְן: "אָט דָאס אִיז נָאךְ אַ 'עֶלְטֶערֶע־מַעֲשֶׂה' פוּן דֶער 'עֶרְשְׁטֶער'"! – אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידּוּשׁ גֶעוֶוען, וָואס דֶער 'אַנְדֶערֶער' אִיז זִיךְ 'יוּנְגֶער', אוּן גֶעדֶענְקְט אַ 'עֶלְטֶערֶע־מַעֲשֶׂה' פוּן דֶעם 'עֶרְשְׁטְן'!**

**דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'דְרִיטְן־זָקֵן': אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן! – אוּן דֶער 'דְרִיטֶער' אִיז נָאךְ 'יוּנְגֶער' גֶעוֶוען! – הָאט דֶער 'דְרִיטֶער' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:**

"אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, אַז סְ'הָאט זִיךְ גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'בִּנְיָן' פוּן דֶער 'פְּרִי', אַז דִי 'פְּרִי' הָאט גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ 'פְּרִי'"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דָארְט: "דָאס אִיז זִיךְ נָאךְ אַ עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה"!

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער 'פֶערְדֶער־זָקֵן' אָנְגֶערוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גֶעוֶוען: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, אַז מְ'הָאט גֶעפִירְט דָאס 'קֶערְנְדְל', מְ'זָאל פְלַאנְצְן דִי 'פְּרִי'"!

הָאט זִיךְ דֶער 'פִיפְטֶער' אָנְגֶערוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גֶעוֶוען: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דִי 'חֲכָמִים', וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דָאס 'קֶערְנְדְל'"!

הָאט זִיךְ דֶער 'זֶעקְסְטֶער', וָואס עֶר אִיז נָאךְ 'יוּנְגֶער' גֶעוֶוען, אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דֶעם 'טַעַם' פוּן דֶער 'פְּרִי', אֵיידֶער דֶער 'טַעַם' אִיז אַרַיין אִין דֶער 'פְּרִי'"!

הָאט זִיךְ דֶער 'זִיבֶּעטֶער' אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דֶעם 'רֵיחַ' פוּן דֶער 'פְּרִי', אֵיידֶער דֶער 'רֵיחַ' אִיז אַרַיין אִין דֶער 'פְּרִי'"!

הָאט זִיךְ דֶער 'אַכְטֶער' אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דִי 'מַרְאֶה' [אוֹיסְקוּק] פוּן דֶער 'פְּרִי', אֵיידֶער דִי 'מַרְאֶה' אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶער 'פְּרִי'"!

"אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען גָאר אַ 'קִינְד' (דְהַיְינוּ: דֶער 'בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)! – אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען"! – הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיךְ גֶעדֶענְק דִי אַלֶע [דָאזִיגֶע] מַעֲשִׂיוֹת! אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק 'גָארְנִישְׁט'"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אָט דָאס אִיז אַ גַאנְץ 'אַלְטֶע־מַעֲשֶׂה', עֶלְטֶער פוּן אַלֶע"! – אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גֶעוֶוען: וָואס דָאס 'קִינְד' גֶעדֶענְקְט מֶער פוּן אַלֶע!

[אות ג] דֶערְוַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער 'אָדְלֶער', אוּן הָאט אָנְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף דֶעם 'טוּרֶעם', אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶעלַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם [צוּרִיק] צוּ אַייעֶרֶע 'אוֹצְרוֹת', אוּן נוּצְט מִיט אַייעֶרֶע 'אוֹצְרוֹת'"!

אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם 'טוּרֶעם', 'עֶלְטֶער' נָאךְ 'עֶלְטֶער' – וֶוער סְ'עֶלְטֶער, זָאל פְרִיעֶר אַרוֹיסְגֵיין"!

הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם 'טוּרֶעם'! – הָאט עֶר 'פְרִיעֶר' דָאס 'קִינְד' אַרוֹיסְגֶענוּמֶען! וָוארְן צוּם אֶמֶת, אִיז עֶר זִיךְ 'עֶלְטֶער' פוּן זֵיי אַלֶע! – אוּן וֶוער סְ'אִיז 'יוּנְגֶער' גֶעוֶוען, הָאט עֶר אִים 'פְרִיעֶר' אַרוֹיסְגֶענוּמֶען!

אוּן דֶעם 'עֶלְטְסְטְן־זָקֵן', הָאט עֶר גָאר 'צוּם סוֹף' אַרוֹיסְגֶעפִירְט! – וָוארְן וֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען 'יוּנְגֶער', דֶער אִיז זִיךְ גֶעוֶוען 'עֶלְטֶער' (וָוארְן וָואס 'יוּנְגֶער', הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ אַ 'עֶלְטֶערֶע־מַעֲשֶׂה' דֶערְצֵיילְט)! – אוּן דֶער 'עֶלְטְסְטֶער־זָקֵן', דֶער אִיז גֶעוֶוען 'יוּנְגֶער' פוּן זֵיי אַלֶע!

הָאט זִיךְ דֶער 'גְרוֹיסֶער־אָדְלֶער' צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ וֶועל אַייךְ מְפָרֵשׁ זַיין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, וָואס דִי אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט"!

דֶער הָאט דֶערְצֵיילְט: "אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ, אַז מְ'הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס 'עֶפֶּעלֶע' פוּן דֶער 'צְוַוייג'"! – מֵיינְט עֶר [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז] עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ, אַז מְ'הָאט אִים 'אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל'! (כְּלוֹמַר: אֲפִילוּ דָאס וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ גֶעטָאן, תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז מְ'הָאט אִים 'אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל' – אֲפִילוּ דָאס גֶעדֶענְקְט עֶר אוֹיךְ!).

אוּן דֶער אַנְדֶערֶער, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ, אַז דָאס 'לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט'"! – מֵיינְט עֶר [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז] עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּעִיבּוּר, וָואס דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף דֶעם קָאפּ! (וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא (נִדָּה ל:): "אַז דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד אִיז בַּיי דֶער מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף זַיין קָאפּ" וְכוּ'!).

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ, אַז סְ'הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ 'פְּרִי'"! – דָאס אִיז [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז] עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ, וִוי זַיין גוּף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד הֵייבְּט נָאר אָן בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן!

אוּן דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ: "דֶעמָאלְט, אַז מְ'הָאט גֶעפִירְט דָאס 'קֶערְנְדְל' צוּ פְלַאנְצְן דִי 'פְּרִי'"! – דָאס אִיז [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז] עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ: וִוי דִי טִפָּה אִיז נִמְשַׁךְ גֶעוָוארְן!

אוּן דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ: "דִי 'חֲכָמִים', וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דָאס 'קֶערְנְדְל'"! – מֵיינְט עֶר [צוּ זָאגְן

דֶערְמִיט]: [אַז] עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ: אַז דִי טִפָּה אִיז נָאךְ גֶעוֶועְן אִין מֹחַ!

אוּן דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ: "דֶעם טַעַם"! – דָאס אִיז [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ]: דָאס 'נֶפֶשׁ'!

אוּן [דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ]: "דֶער רֵיחַ"! – דָאס אִיז [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ]: דֶער 'רוּחַ'!

אוּן [דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ]: "דִי מַרְאֶה"! – דָאס אִיז [צוּ זָאגְן דֶערְמִיט]: [אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ]: דִי 'נְשָׁמָה'!

אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר גֶעדֶענְקְט 'גָארְנִישְׁט'"! – וָוארְן עֶר אִיז 'גְרֶעסֶער' פוּן זֵיי אַלֶע, אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט אֲפִילוּ: וָואס סְ'גֶעוֶוען פַאר [סְ'אִיז נָאךְ גֶעוֶוען] 'נֶפֶשׁ', 'רוּחַ', וּ'נְשָׁמָה' [דִי בְּחִינָה פוּן 'אַיִן' – 'גָארְנִישְׁט']!

דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶר גֶעדֶענְקְט 'גָארְנִישְׁט'"! (כְּלוֹמַר: עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַז "סְ'גָארְנִישְׁט" גֶעוֶוען! – גֶעדֶענְקְט עֶר אֲפִילוּ, וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גֶעטָאן, וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע)!

אוּן דֶער 'גְרוֹיסֶער־אָדְלֶער' הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "קֶערְט אַייךְ אוּם [צוּרִיק] צוּ אַייעֶרֶע 'שִׁיפְן' – דָאס זֶענֶען אַייעֶרֶע 'גוּפִין' [גוּפִים: קֶערְפֶּערְס], וָואס זֵיי זֶענֶען צוּבְרָאכְן גֶעוָוארְן – זֵיי וֶועלְן ווִידֶער גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן! – הַיינְט קֶערְט אַייךְ אוּם [צוּרִיק] צוּ זֵיי"! – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט!

אוּן צוּ מִיר (דְהַיְינוּ: צוּם 'בְּלִינְדְן־בֶּעטְלֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ), הָאט עֶר גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'גְרוֹיסֶער־אָדְלֶער'): "דוּ קוּם מִיט מִיר, וָוארְן דוּ בִּיזְט אַזוֹי־וִוי אִיךְ! – וָוארְן דוּ בִּיזְט 'זֵייעֶר־אַלְט'! אוּן 'גָאר־יוּנְג'! – אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ 'גָארְנִישְׁט' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן! אוּן דוּ בִּיזְט פָּארְט 'זֵייעֶר־אַלְט'! – אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַזוֹי! וָוארְן אִיךְ בִּין 'זֵייעֶר־אַלְט'! אוּן בִּין נָאךְ 'גָאר־יוּנְג'" וְכוּ'!

**[אוֹת ד]** נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: הָאבּ אִיךְ אַ 'הַסְכָּמָה' פוּן דֶעם 'גְרוֹיסְן־אָדְלֶער': אַז אִיךְ בִּין 'זֵייעֶר־אַלְט'! אוּן בִּין 'גָאר־יוּנְג' וְכוּ'! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק': "אַז אִיר זָאלְט זַיין 'אַזוֹי־אַלְט' וִוי אִיךְ"!

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה! אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה! – אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵייְלֶעךְ גֶעוֶוען!

## [פֶּרֶק ד] צְוֵוייטְן טָאג – דֶער 'טוֹיבֶער־בֶּעטְלֶער'

**[אוֹת א]** אִין דֶעם 'אַנְדֶערְן־טָאג' פוּן 'שִׁבְעַת־יְמֵי־הַמִשְׁתֶּה' – הָאבְּן זִיךְ דִי 'חָתָן־כַּלָּה' ווִידֶער דֶערְמַאנְט: אִין דֶעם אַנְדֶערְן 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'טוֹיבֶער'! – וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'בְּרוֹיט'!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט: "וִוי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם 'טוֹיבְּן־בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶה גֶעוֶוען".

דֶערְוַוייל! וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִים – דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא"! – אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְן! אוּן הָאט זֵיי גֶעקוּשְׁט! – אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה: אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ, אַז אִיר זָאלְט לֶעבְּן, אַזוֹי אַ 'חַיִים־טוֹבִים' (כְּלוֹמַר: אַ גוּט לֶעבְּן), אַזוֹי־וִוי אִיךְ"!

וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין 'חַיִים־טוֹבִים', בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק'!

אִיר מֵיינְט: אַז אִיךְ בִּין 'טוֹיבּ'! – אִיךְ בִּין 'גָארְנִישְׁט־טוֹיבּ'! – נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר 'חִסָרוֹן'!

וָוארְן גָאר אַלֶע 'קוֹלוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן 'חֶסְרוֹנוֹת'! – וָוארְן אִיטְלֶעכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין 'חִסָרוֹן'! דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם וָואס סְ'גֵייט אִים אָפּ [סְ'פֶעלְט אִים עֶפֶּעס]!

אוּן אֲפִילוּ אַלֶע 'שִׂמְחוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן 'חֶסְרוֹנוֹת'! – וָואס מְ'פְרֵיידְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סְ'אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען [סְ'הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעפֶעלְט], אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סְ'אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען.

אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָארְנִישְׁט אָן: אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר 'חִסָרוֹן'! – וָוארְן אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ 'חַיִים־טוֹבִים', וָואס סְ'הָאט גָאר קַיין שוּם 'חִסָרוֹן' נִישְׁט!

אוּן אִיךְ הָאבּ אַ 'הַסְכָּמָה' דֶערוֹיף, אַז אִיךְ לֶעבּ 'חַיִים־טוֹבִים': פוּן דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'!

אוּן זַיין 'חַיִים־טוֹבִים' [פוּנֶעם דָאזִיגְן 'טוֹיבֶער־בֶּעטְלֶער'] אִיז גֶעוֶוען: [אַז] עֶר הָאט גֶעגֶעסְן 'בְּרוֹיט'! אוּן גֶעטְרוּנְקְן 'וַואסֶער'!

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די דרייצנטע מעשה (2) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס האט דער בלינדער בעטלער געגעבן אלס דרשה געשאנק?**

- ❑ א שיינע הויז
- ❑ אז זיי זאלן זיין אזוי אלט ווי ער
- ❑ א גרויסע פארמעגן

**ב. פארוואס האט דער בעטלער אויסגעזען בלינד?**

- ❑ ווייל ער איז באמת געווען בלינד
- ❑ ווייל ער איז געווען אלט און האט שוין נישט געקענט גוט זעהן
- ❑ ווייל ער קוקט נישט אין דער וועלט

**ג. וואס איז דער בלינדער בעטלער געווען ?**

- ❑ זייער אלט
- ❑ גאר יונג – בכלל נישט אנגעהויבן צו לעבן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס האט געדענקט דער גרעסטער זקן?**

- ❑ ווען מ'האט אפגעשניטן דאס עפעלע פון די צווייג
- ❑ ווען די ליכט האט געברענט
- ❑ ווען ס'האט אנגעהויבן ווערן א פרי

**ה. וואס האט געדענקט דער פערטער זקן?**

- ❑ ווען מ'האט געפירט די קערנדל
- ❑ די חכמים וואס האבן אויסגעטראכט די קערנדל
- ❑ די טעם פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי

**ו. *שאלת זכות: וואס האט געדענקט דער אכטער זקן?***

- ❑ *די ריח פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי*
- ❑ *די מראה פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ז. וואס האט דער בלינדער בעטלער געדענקט ?**

- ❑ די אלע מעשיות
- ❑ גאר נישט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס זאגט דער גרויסער אדלער?**

- ❑ הערט אויף זיין עשירים
- ❑ הערט אויף זיין ארימע לייט
- ❑ הערט אויף זיין ענוים

**ט. וועמען האט דער אדלער ארויס גענומען די ערשטע?**

- ❑ דעם גרעסטער זקן
- ❑ דאס קינד
- ❑ לויט די א"ב

**י. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זעקסטן זקן וואס געדענקט די טעם?**

- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יא. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זיבעטן זקן וואס געדענקט די ריח?**

- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יב. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם אכטן זקן וואס געדענקט די מראה?**

- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יג. צו וואו האט ער זיי געהייסן צוריק גיין?**

- ❑ צו די שיפן
- ❑ צו זייערע גופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וואס איז געווען דער אדלער?**

- ❑ אלט
- ❑ יונג
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואס איז געווארן נאך די דרשה געשאנק פון דעם בעטלער**

- ❑ א גרויסע שמחה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה און זיי זענען זייער פרייליך געווען

**טז. *שאלת זכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בלינדן בעטלער?*** *(עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)*

- ❑ *ביום שני כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תקס"ט*

**א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה און זיי זענען זייער פרייליך געווען - איך פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com